# פרשת שופטים

## משיחת וא"ו תשרי ה'תשמ"ה

**רשימה פרטית – בלתי מוגה**

אַז מ'קומט פון ראש-השנה, וואָס ראש-השנה קומט נאָך חודש אלול, וואָס אין חודש אלול איז דאָך דער אַלטער רבי מבאר, אַז דעמאָלט געפינט זיך דער מלך בשדה –

איז דאָך דערפון פאַרשטאַנדיק, אַז אפילו אידן ווי זיי געפינען זיך "בשדה" – זעט מען דאָך בפשטות און גלוי לעיני בשר, ווי אַזוי זיי אַלע ווערן נתאחד אין אַן אופן פון **שלום**, גאָר אָן השתדלות בזה; דער עצם ענין וואָס דער מלך ערשיינט ב"שדה" – אָט דאָס גופא ברענגט זיי צוזאַמען און זיי אַלעמען מאחד, וויבאַלד, ובפרט ובמיוחד, אַז דער מלך איז "מראה פנים שוחקות" ומקבלם בסבר פנים יפות.

דערנאָך קומט מען נאָך אַריין פון חודש אלול – אין ראש-השנה, אויף וועלכן ווי דער אַלטער רבי טייטשט-אָפּ אין לקוטי תורה, אַז "ויהי בישורון מלך" – דער טאָג ווען אידן זיינען ממליך דעם אויבערשטן נוסף בכח עצמם, בעבודת עצמם – האָבן זיי אויף דערויף אויך אַ בקשה פון דעם אויבערשטן, וואָס **בעט זיך** באַ זיי "שתמליכוני עליכם", "ובמה בשופר", וואָס "מצות היום בשופר", וואָס דאָס גייט דאָך אויף יום ראש-השנה.

און ער ווירקט אַלס אַן ענין פון **ראש** השנה, ווי אַ קאָפּ ווירקט-איין על כל אברי הגוף, אַזוי איז דאָך "ראש" השנה ווירקט-איין על כל ימי השנה, וואָס דאָס איז בדוגמא פון די אברים פון דעם ראש בנוגע דער גוף בפשטות,

און דערפון גופא איז דאָך פאַרשטאַנדיק, ווי מ'זעט דאָס אויך "מבשרי אחזה", אַז דער אבר וואָס איז אַמנאָענטסטן צום ראש – איז ער מער דורכגעדרונגען מיט דעם רוח און מיט די השפעה און מיט די הנהגה פון דעם ראש, וויבאַלד אַז ער איז "קרוב קרוב יותר".

כמדובר כמה פעמים, אַז ראש השנה האָט אין זיך צוויי זאַכן: אַז דאָס איז ראש השנה בפני עצמו, אַלס אַ טאָג פאַר-זיך. דערנאָך זאָגט מען, אַז "דרשו הוי' בהמצאו קראוהו בהיותו קרוב" איז דאָס "אלו עשרת ימים שבין ראש השנה ליום הכיפורים". איז די אַלע צען טעג ווערן גערעכנט אַלס איין ענין און אַלס איין תקופה און אַלס איין נקודה.

וואָס דאָס איז דאָך דאָ דוקא אין די עשרת ימי תשובה. ובפרט נאָך, אַז בשעת מ'זאָגט, אַז דעמאָלט איז "בהמצאו ובהיותו קרוב", וואָס דער אויבערשטער איז דאָך דער אחדות הפשוטה, און פועל'ט אַזוי און פירט-אָן – ובפרט נאָך נאָך ראש-השנה, וואָס "מלכותו **ברצון** קבלו עליהם – פירט ער דאָך אָן מיט די אַלע ענינים שבימים שלאחרי זה, ובפרט אין די עשרת ימי תשובה, אין אַן אופן וואָס "**ברצון** קבלו עליהם" – מקיים זיין דעם אויבערשטנ'ס רצון,

וואָס דעם אויבערשט'נס רצון איז דאָך, אַז ס'זאָל זיין "ואהבת לרעך כמוך", וואָס ער האָט דאָס געמאַכט פאַר אַ "כלל גדול בתורה"; אין תורה עצמה איז דאָס ניט סתם אַ פרט, נאָר ס'איז אַ כלל, און



© 2002 Jewish Educational Media, Inc.

# פרשת שופטים

צווישן די כללי התורה – איז דאָס אַ "כלל גדול בתורה",

און די גמרא (איז דאָך) דערציילט און איז נאָך אין דערויף מוסיף וואָס הלל הזקן האָט געזאָגט, אַז דאָס איז גאָר "כל התורה כולה",

איז דאָך דעמאָלט פאַרשטאַנדיק, ווי אַזוי די אהבת ישראל ברענגט צו אחדות ישראל אמיתית, וויבאַלד אַז דאָס קומט אין די טעג וואָס זיי זיינען גאָר נאָענט צו ראש-השנה.

און נאָכמערער, ווי גערעדט כמה פעמים, אַז ס'איז דאָ ענינים וואָס די אַלע עשרת ימים ווערן גערעכנט ווי איין נקודה: ס'איז טאַקע צען באַזונדערע טעג.

ווי מ'זעט דאָס אויך בפועל, אַז יעדער איד, איז בשעת ס'קומט עשרת ימי תשובה איז דאָ טאַקע אַ חילוק צווישן ראש-השנה און יום הכיפורים און דעם שבת שובה, אָבער אף על פי כן איז דאָ אַ צד השוה פון די אַלע צען טעג, וואָס דאָס איז מאחד די צען טעג, און מאחד דעם אידן מיט די צען טעג, און מאחד אַלע אידן דורך דעם ענין המאחד, וואָס דאָס איז די תנועה פון תשובה,

וואָס די תנועה פון תשובה און ענין התשובה טיילט זיך אויס מכל התורה ומצוותי' – וואָס דאָס איז איין און איינציקע תנועה,

ווי מ'זעט דאָס אויך פון פסק-דין, אַז די גמרא זאָגט, אַז "הרהר תשובה" איז נעשה "צדיק גמור": אַז תשובה קען איבערמאַכן וואָס אין איין הרהור, וואָס דעמאָלט איז דאָך – פאַרשטאַנדיק – ניטאָ קיין צייט און קיין זמן אויף טראַכטן וועגן פרטים ופרטי-פרטים, אָבער אָט דאָס וואָס ער גיט אַ טראַכט אין אַ הרהור אחד, אַז ער איז מחליט, אַז ער קערט זיך אום "אל האלקים אשר נתנה", צו דעם אויבערשטן, ניט אַריינגייענדיק נאָך אין פרטים ופרטי-פרטים, אפילו ניט אין כללים, מערניט ווי אַ נקודה אחת, וואָס דערפאַר איז דאָס אויך פאַרבונדן מיט אַ נקודה אחת בזמן,

איין הרהור איז שוין מספיק, ביז דאָס מאַכט-איבער די הלכה, אַז ער באַקומט אַ דין פון אַ "צדיק גמור", ניט קוקנדיק וואָס ס'איז געווען מיט איין רגע, און נאָך ווייניקער – מיט אַ רגע לפני זה.

איז דאָך דערפון פאַרשטאַנדיק דער גודל ענין האחדות – ווען דער ענין המאחד איז אַ זאַך וואָס טיילט זיך ניט, ניט אין זמן און ניט אין מקום; דאָס איז איין און איינציקע נקודה, ס'איז אָבער אַזאַ סאָרט נקודה וואָס איז כולל אין זיך "הכל", ווי דערמאָנט בנוגע אַז "נעשה צדיק גמור", וואָס דאָס איז אַ הלכה אין תורה.



© 2002 Jewish Educational Media, Inc.